# נשא

א. פון פסוק „וכל תרומה גו' אשר יקריבו לכהן לו יהי'"[1] ברענגט רש"י אראפ „וכל תרומה וגו'", און איז אויף דעם מפרש[2]: „אמר ר' ישמעאל, וכי תרומה מקריבין לכהנים והלא הוא המחזר אחרי' לבית הגרנות[3] ומה ת"ל אשר יקריבו לכהן, אלו הבכורים שנאמר בהם תביא בית ה' אלקיך[4] ואיני יודע מה יעשה בהם ת"ל לכהן לו יהי', בא הכתוב ולימד על הביכורים שיהיו ניתנין לכהן".

איז אין דעם ניט מובן:

א) ביי רש"י'ן איז דאך קשה (לויטן קס"ד אז דער פסוק רעדט דא וועגן תרומה) בלויז דער לשון „אשר יקריבו לכהן": וויבאלד אז דער כהן איז גאר דער וואס איז מחזר אחר התרומה לבית הגרנות, פאסט דאך ניט דער לשון „יקריבו לכהן" וואס באדייט, פארקערט, אז די בעלים דארפן עס ברענגען צום כהן. אבער דער עצם חידוש פון פסוק — אז די תרומה דארף געגעבן ווערן צום כהן — איז ביי רש"י'ן ניט שווער: דער פסוק וואלט עס געדארפט לאזן הערן, וויבאלד אין די פריערדיקע סדרות[5] ווערט בלויז געזאגט אז מען דארף אפשיידן תרומה[6], ניט דערמאנענדיק דערביי אז מען דארף עס געבן צום כהן[7].

לפי זה דארף מען פארשטיין: וואס פאר א שוועריקייט איז דא אויפגעקומען איצט, לויט דער מסקנא „אלו הביכורים", וואס רש"י איז דא אויסן צו פארענטפערן מיט דער באווארעניש „ואיני יודע מה יעשה בהם — ת"ל לכהן כו'"?

מען קען ניט זאגן, אז נאכדעם ווי רש"י ברענגט דעם פסוק (וואס שטייט ביי ביכורים) „תביא בית ה' אלקיך" (צו מוכיח זיין פון לשון „תביא" אז ביכורים דארף מען ברענגען אין בית המקדש, דעם ארט וואו עס געפינען זיך כהנים, און דערפאר איז רעכט צו איינלערנען אז „יקריבו" אין אונזער פסוק מיינט ביכורים), וואלט געווען א קס"ד צו זאגן, אז פון דעם פסוק גופא איז שוין פארשטאנדיק אז דאס דארף געגעבן ווערן צום כהן; און דעריבער דארף רש"י דאס שולל זיין און זאגן, אז טראץ דעם פסוק הנ"ל איז „איני יודע מה יעשה בהם" — קען מען אבער אזוי ניט איינ־

1) פרשתנו ה, ט.

2) מספרי כאן (בשינוי לשון וסגנון, ובהוספת „והלא הוא המחזר כו'". וראה רמב"ן כאן, שמפרש כוונת הספרי באו"א).

3) דיוק לשון רש"י „לבית הגרנות" (בלמ"ד), ולא „בבית הגרנות" (כברמב"ן כאן) — יש לומר: כהנים המסייעים בבית הגרנות חיללו כו' (בכורות כו, ב. רמב"ם הל' תרומות פי"ב הי"ח — וזה מובן גם בפשטות), ולכן מדייק רש"י „מחזר אחרי' לבית הגרנות" — ולא (מסייע) בבית הגרנות עצמו. וגם בזה נראה עד כמה יש לדייק בפרש"י.

4) משפטים כג, יט. תשא לד, כו.

5) משא"כ בפרשיות שלאח"ז (קרח יח, יב. שופטים יח, ד).

6) ראה משפטים כב, כח ובפרש"י שם.

7) ראה גם רמב"ן כאן פסוק ו': או שבא להשלים כו'.

לערנען, ווייל עס איז מובן בפשטות (אויך אָן פּי' רש"י) ובמילא איז ניט שייך באַ דעם אַ סגנון פון „ואיני יודע כו'" — ווארום: מאי קמ"ל? אין פסוק „תביא בית ה' אלקיך" איז ניטאָ קיין שום משמעות [8] „מה יעשה בהם" ופשיטא אז עס איז ניט משמע אַז מיט ברענגען די ביכורים אין בית המקדש ווערט געמיינט די נתינה צום כהן [8]. (אדרבא: כל זמן עס איז ניטאָ קיין הוראה אַנדערש — דאַרפן זיי לכאורה בלייבן ברשות הבעלים).

ב) אויב רש"י ווייל שוין יע מפרש זיין דעם חידוש פון פסוק (לויט זיין פירוש „אלו הביכורים"), וואָלט דאָך געווען גענוג ווען ער זאָגט „ואיני יודע . . ת"ל לכהן לו יהי'" — צוליב וואָס דאַרף ער דאָס נאָכדעם אויסטייטשן „בא הכתוב ולימד על הביכורים שיהיו ניתנין לכהן"?

ג) אַפילו ווען רש"י נויטיקט זיך יע, משום איזה טעם, אינעם אויספירלעכן אויסטייטש פון „בא הכתוב ולימד על הביכורים שיהיו ניתנין לכהן", איז אָבער נאָך אַלץ שווער צו פאַרשטיין: צוליב וואָס דאַרף דאָ רש"י צוגעבן די ווערטער „על הביכורים" נאָכדעם ווי ער האָט שוין פריער געזאָגט בפירוש „אלו הביכורים" — וואָלט דאָך געווען גענוג ווען ער זאָגט „בא הכתוב ולימד שיהיו ניתנין לכהן"?

ד) נאָך אַ שינוי צווישן רש"י'ס פּי' לויט דער מסקנא („אלו הביכורים") און זיין פּי' לפי הקס"ד (אַז דער פסוק רעדט וועגן תרומה): אינעם אויספיר פון דער קשיא „וכי תרומה כו'" זאָגט ער „ומה ת"ל אשר יקריבו לכהן" — ד. ה. אַז דער וואָרט „לכהן" באַציט זיך (ניט צו די נאָכפאָלגנדיקע ווערטער „לו יהי'", נאָר) צו „אשר יקריבו"; דאַקעגן אינעם אויספיר במסקנא, זאָגט ער דעם לשון „ת"ל לכהן לו יהי'" — אַז דער וואָרט „לכהן" קומט אין איין המשך מיט „לו יהי'"?

ה) רש"י'ס קשיא „וכי תרומה מקריבין כו'" איז דאָך לכאורה נוגע בלויז צום וואָרט „תרומה" [און צו די ווערטער „אשר יקריבו לכהן" וועלכע רש"י איז מרמז מיט „וגו'"]. פאַרוואָס איז רש"י מעתיק אויך דעם וואָרט „וכל (תרומה וגו')", וואָס לכאורה איז ער ניט נוגע צום תוכן פּירושו? ובפרט אַז מיט אַ פּאָר פסוקים פאַר דעם [9*] ביי „וכל טמא לנפש" — איז רש"י ניט מעתיק דעם וואָרט „וכל".

ו) צוליב וואָס ברענגט רש"י דעם נאָמען פון בעל הפּי' „א"ר ישמעאל" און באַנוגנט זיך ניט מיט אָנהויבן זיין פּי'

---

8) ואדרבה: בנוגע לתרומה, מצינו בפ' אמור (כב, י"ג) שנאכלת רק לכהנים [ויתירה מזו: ממה שנאמר (שם, יד) „ואיש כי יאכל קדש (היינו תרומה — פרש"י שם) בשגגה גו' ונתן לכהן גו'" — מוכח לכאורה שהכהנים הם הבעלים של תרומה] — ומ"מ לא הוזקק רש"י לפרש שאין משם הוכחה * שהיא ניתנת לכהנים; וא"כ מובן לכאורה במכש"כ, שאין להוכיח שבכורים ניתנין לכהנים מהכתוב „תביא בית ה"א" — שלא נזכר בו כלל ענין כהן.

9) שהרי אפשר שהבאתם לביהמ"ק הוא בשביל ענין אחר [שהרי אפילו בפ' תבא, שמקשר הבאת הביכורים „אל המקום אשר יבחר ה"א" עם „ובאת אל הכהן גו' ולקח הכהן הטנא מידך גו'", מפרש רש"י ש„ולקח הכהן הטנא מידך" הוא (רק) „להניף אותו"], אבל לא שניתנת לכהן.

---

*) מעין דוגמא לדבר „מכור לנכרי" (ראה יד, כא); התשלומין לכהן — אפ"ל שזהו לכפרה. ועוד י"ל.

---

9*) ה, ב.

„וכי תרומה כו׳" — ד. ה. וואָס קומט צו אין דער הבנה פון פסוק דורך דער ידיעה אַז „וכי תרומה כו׳ אלו הביכורים" האָט געזאָגט ר׳ ישמעאל?

ב. נוסף צו די אַלע דיוקים פּרטיים הנ״ל, איז אויך ניט מובן כללות הפירוש, די הוכחה, אַז „וכל תרומה" דאָ מיינט (ניט תרומה, פשוטה כמשמעה, נאָר) ביכורים:

נאָך די ווערטער „וכל תרומה" פאַר „אשר יקריבו לכהן", שטייט „לכל קדשי בני ישראל", און וואָס די ווערטער „לכל קדשי בני ישראל" מיינען — זאָגט רש״י ניט. דערפון גופא איז קענטיק, אַז רש״י נעמט עס אָן פאַר אַזאַ דבר הפשוט, וואָס אַפילו דער „בן חמש (למקרא)" וועט עס אַליין פאַרשטיין:

אין אַ פריערדיקער סדרה [10] האָט שוין רש״י געזאָגט אַ כלל „כך דרך המקראות לכתוב למ״ד יתירה". במילא ווייס שוין דער תלמיד, אַז ווען אַ וואָרט הויבט זיך אָן מיט אַ למ״ד, וואָס לאָזט זיך ניט טייטשן לויט ווי ער ווערט געניצט כרגיל אין המשך צו די פריערדיקע ווערטער — איז עס אַ למ״ד יתירה. דערפון איז מובן בפשטות אויך אין אונזער פסוק, אַז הגם עס שטייט „לכל קדשי בנ״י" — וויבאַלד אָבער מען קען ניט איינלערנען אָט די ווערטער בהמשך צו „וכל תרומה" [11], מוז מען זאָגן אַז ס׳איז אַ למ״ד יתירה. און במילא קומט אויס, אַז מיט „(ל)כל קדשי בנ״י" ווערט געמיינט אַלע אַנדערע „קדשי בנ״י" (וועלכע גייען ניט אַריין אין „וכל תרומה"), ד. ה. די אַלע אַנדערע מתנות כהונה [12].

איז עפ״ז ניט מובן: ווי אַזוי איז רש״י מכריח פון „אשר יקריבו לכהן" אַז „וכל תרומה" מיינט ניט תרומה בפשטות, מצד דער קשיא „וכי תרומה מקריבין לכהן" — מען קען דאָך איינלערנען אַז „וכל תרומה" מיינט טאַקע תרומה כפשוטה, און „אשר יקריבו לכהן" באַציט זיך (ניט צו „וכל תרומה", נאָר) צו „(ל)כל קדשי בנ״י" הסמוך לו, וואָס ביי (רובם פון) די מתנות כהונה איז ניט דער כהן „מהזר" נאָך זיי, נאָר זיי ווערן געבראַכט צום כהן?

די קשיא איז נאָך שטאַרקער: וויבאַלד דער פסוק טיילט אויס דעם פרט פון „וכל תרומה" באַזונדער און ער איז עס ניט כולל אינעם „לכל קדשי בנ״י" איז לכאורה דאָס גופא אַ הוכחה, אַז „כל תרומה" איז מען ניט מקריב לכהן [13], און דערפאַר מוז עס דער פסוק

---

10) בשלח יד, כח.

11) בספרי כאן: „בא הכתוב ולימד על התרומה שתהא נוהגת בכל". אבל [נוסף לזה שא״א לומר כן לפי פרש״י — שהרי מסיק „אלו הביכורים" ואינם „אלא משבעת המינין" (רש״י משפטים כג, יט. תשא שם. וכן מפרש רש״י גם בפ׳ תבא כו, ב)]

(א) פשטות הלשון „לכל קדשי בנ״י" מורה על כל סוגי קדשים (ולא סוג אחד בקדשים מכל המינין); (ב) מפשטות הכתובים (קרח יח, יב. שופטים יח, ד) מוכח, שתרומה נוהגת רק בדגן תירוש ויצהר. (וראה גם רמב״ן ראה יד, כב: „המצות בתרומות ומעשרות בכל מקום הן דגן תירוש ויצהר.. ואין מין אחר בכל הזרעים ובכל פירות האילן חייבין מה״ת כלל לא בתרומות ולא במעשרות. ויש ברייתות שנויות בתו״כ ובספרי לאסמכתות והן מוטעות". וראה ראב״ד הל׳ תרומות פ״ב. תוד״ה ושני מינין — בכורות נד, א).

12) וכמו „לכל קדשי בנ״י" (קרח יח, ח) שפרש״י (שם יט) שקאי על כ״ד מתנות כהונה. וגם שם, מצד רוב הפשיטות לא הוזקק רש״י לפרש זה במקומו (בפסוק ח׳).

13) וי״ל ש„כל תרומה" כולל גם תרומת מעשר וחלה שנקראים תרומה, ועד שהכתוב

אויסטיילן באַזונדער פון די „קדשי בנ״י אשר יקריבו לכהן". לפ״ז איז עס דאָך היפך הדבר: „וכי תרומה מקריבין לכהן" איז גאָר אַ סברא וואָס איז מסייע צו זאָגן אַז דער טייטש פון „וכל תרומה" איז דוקא תרומה און ניט ביכורים!

ג. דער ביאור בכל הנ״ל:

פון דעם לשון הפסוק „וכל תרומה גו׳" (מיט אַ וא״ו המוסיף) איז מוכח אַז דער דין קומט בהמשך צום דין וואָס שטייט פריער — פון גזל הגר: אַזוי ווי גזל הגר דאַרף מען געבן צום כהן[14], אַזוי אויך „כל תרומה" און „כל קדשי בנ״י" דאַרף מען געבן צום כהן.

עס איז אָבער אין דעם ניט פאַרשטאַנדיק:

א) עס זיינען פאַראַן כמה וכמה מתנות, וואָס מ׳איז אויף זיי אָנגעזאָגט געוואָרן אין די פריערדיקע סדרות אַז מען דאַרף זיי געבן לכהן — פאַרוואָס איז די תורה מקשר דעם ענין „וכל תרומה גו׳ לכהן גו׳" דווקא מיט גזל הגר[15]?

ב) פאַרוואָס טיילט אויס דער פסוק „כל תרומה" פון „כל קדשי בנ״י" און זאָגט „אשר יקריבו לכהן" וואָס דאָס איז שייך נאָר ביי די אַנדערע מתנות כהונה און ניט ביי תרומה — לכאורה האָט געדאַרפט שטייען „אשר יתנו לכהן" (אָדער כיו״ב); דער ענין פון אונזער פסוק איז דאָך ניט צו מבאר זיין די פרטי הדינים פון מתנות כהונה; דער פסוק קומט דאָך בהמשך צו דעם פריערדיקן ענין פון גזל הגר, און בשייכות צו גזל הגר, איז בלויז נוגע דער פרט אַז מען דאַרף עס געבן צום כהן — און ס׳איז קיין נפ״מ ניט צי דאָס איז דורך זיין מחזר זיין לבית הגרנות אָדער דורך ברענגען צו אים?

פון דעם איז מוכרח, אַז די שייכות פון „וכל תרומה גו׳" צו גזל הגר איז (ניט בלויז מצד דעם וואָס זיי ווערן געגעבן צום כהן, נאָר) מצד דעם וואָס נאָר זיי ביידע האָבן צווישן זיך אַ באַזונדער השתוות וואָס טיילט זיי אויס פון די אַנדערע מתנות כהונה. און מחמת אָט דער שייכות מיוחדת פון „כל תרומה" צו גזל הגר, ווערט תרומה אַרויסגענומען פונעם כלל פון די אַנדערע „קדשי בני ישראל" און שטייט באַזונדער אין פסוק.

ד. דער „חידוש" מיט וועלכן „גזל הגר" אונטערשיידט זיך פון די אַנדערע מתנות כהונה, באַשטייט אין דעם:

---

השווה אותם לתרומה גדולה (שלח טו, יט־כא. קרח יח, כו־כח), ולא כלל הכתוב „כל תרומה" ב„כל קדשי בנ״י אשר יקריבו לכהן" — כי גם בהם הכהן מחזר אחריהם.

ואף שגם ביכורים נקראת תרומה (ראה יב, ו. שם, יא) — הרי [נוסף למה שאינה נקראת תרומה סתם כ״א בשם לווי — „תרומת ידכם"; „תרומת ידך" (ולהעיר מנגעים פי״ד מ״ו. סוכה יג, א)], רק בחלה ותרו״מ נאמר „כתרומת גורן"; „כדגן מן הגורן גו׳ כן תרימו גו׳".

14) ובפרט, שאחד הדברים שבשבילם נשנית „פרשת גוזל ונשבע על שקר" הוא — שגזל הגר ניתן לכהנים (רש״י לעיל ה, ו).

15) בדוחק י״ל, דשאני גזל הגר משאר מ״כ, שכולם הם פרט בענין אחר, וכמו „לכהן תהי׳ אחוזתו" (בחוקותי כז, כא) שהוא פרט בהדינים דשדה אחוזה; וכן המ״כ שבקדשים (ראה פ׳ ויקרא. ועוד) שהם פרט בדיני קרבנות. — משא״כ הדין דגזל הגר שניתן לכהנים, מכיון שלא נאמר בענין גוזל ונשבע על שקר שבפ׳ ויקרא, כ״א נשנית כאן בגלל חידוש זה (ראה הערה הקודמת), הרי הנתינה לכהנים הוא הענין העיקרי שבפרשתנו.

אבל דוחק. שהרי פרשה זו נשנית בשביל שני דברים שנתחדשו בה.

אַלע אַנדערע מתנות כהונה[16] זיינען חלקים מסויימים פון נכסי ישראל וואָס תורה האָט זיי אַוועקגעגעבן צו כהנים; ד. ה. אַז אָט די באַשטימטע טיילן געהערן מלכתחילה צום כהן. משא״כ ביי גזל הגר, איז דאָך ניט שייך צו זאָגן אַז אָט די גע׳גזל׳טע זאַך געהערט פון אָנהויב אָן צום כהן: איידער די זאַך איז גע׳גזל׳ט געוואָרן האָט זי דאָך אַוודאי באַלאַנגט צום גר; אויך נאָכן גע׳גזל׳ט ווערן פונעם גר, איז דער גזלן מחוייב צו אומקערן די גזילה (ניט צום כהן, נאָר) צום נגזל; און אַפילו נאָכדעם ווי דער נגזל איז געשטאָרבן, ניט איבערלאָזנדיק קיין יורשים, געהערט נאָך אַלץ ניט דער גזל צום כהן — וואָרום כל זמן דער גזלן איז זיך ניט מודה, אַפילו ווען עס קומען עדים און זיינען מעיד אַז ער האָט גע׳גזל׳ט, איז ניטאָ אויף אים קיין חיוב צו געבן די גזילה צום כהן. ערשט דעמאָלט ווען דער גזלן איז אַליין מודה (דווקא לאחרי ווי דער נגזל איז געשטאָרבן[17]) און וויל תשובה טאָן און אומקערן די גזילה, דאַרף ער עס געבן צום כהן. און אַפילו דאַן, הייסט עס ניט אַז דער כהן איז דאָ אַנשטאָט דעם נגזל, ד. ה. אַז דער חיוב ההשבה צום נגזל גייט איבער צום כהן[18], נאָר דער גזלן איז עס מחוייב צו אומקערן צום אויבערשטן, צום אמת׳ן „בעל־הבית״[19], און נאָכדעם ווי „קנאו השם״ — „נתנו (השם) לכהן״[20].

און וויבאַלד אַז אין גזל הגר איז דער אויפטו אין דעם, וואָס די זאַך ווערט געגעבן צום כהן טראָץ דעם וואָס בעצם געהערט זי ניט צו אים, דערפאַר איז די תורה באַלד נאָכדעם ממשיך און בריינגט דעם דין „וכל תרומה גו׳״, וואָס האָט אַן ענליכקייט צו גזל הגר (און ער טיילט אויס „וכל תרומה״ פון „כל קדשי בנ״י״ וואָס האָבן ניט אָט־די ענליכקייט[21]): אויך

16) כולן מנויות בגמרא (ב״ק קי, ב. חולין קלג, ב) וברמב״ם (ריש הל׳ ביכורים). והרי ה„עשר במקדש״* ו„ארבע בירושלים״ (חוץ מבכורים — וראה להלן סעיף ה׳), וגם ה„עשרה בגבולין״ (לבד מגזל הגר**. ועד״ז תרומה, וכן תרו״מ וחלה שנכללים ב„וכל תרומה״, כדלקמן שם), הם מלכתחלה שייכים לכהנים.

*) ראה לקמן הערה 22.

**) לכאורה, גם „שדה אחוזה״ היא דוגמת גזל הגר. שהרי זכותו של הכהן בה הוא רק ב„אם (המקדיש) לא יגאל את השדה״, אבל מלכתחלה (כל זמן שלא מכר הגזבר את השדה לאיש אחר), יכול המקדיש לגאול אותה (ואדרבה, **מצוה** עליו לפדותה (רמב״ם הל׳ ערכין דפ״ה. וראה גם רש״י בחוקותי (כז, טז) „שאם נגאלה הרי טוב״)) — אבל בכ״ז, אינו דומה לגזל הגר. כי בשדה אחוזה, הרי משהגיע שנת היובל (וגם לפנ״ז, משמכרה הגזבר לאיש אחר), **נפקע** כבר זכות הבעלים מהשדה. משא״כ בגזל הגר, שגם **לאחרי** מיתת הגר — חיוב הנתינה להכהנים תלוי **בהבעלים**, בהודאתו (וראה לקמן הערה 21).

17) ראה פרש״י לעיל ה, ח: שמת התובע . . כשנמלך זה להתוודות כו׳. וראה גם ב״ק קט, ב.

18) ובפרט — שענינה „כפרה״ (ב״ק קי, ב. וראה גם שם תוד״ה כסף).

19) ספורנו ה, ח.

20) ב״ק קט, ב. רש״י כאן ה, ח. וראה גם ב״ק (קט, ב) שכהנים מקבלי מתנה (ולא יורשים) הוו בגזל הגר.

21) ומה שנאמר כאן גם „כל קדשי בני ישראל״ — יש לומר: כמה „קדשי בני ישראל״ שאינם נכללים ב„וכל תרומה״ דומים במקצת לגזל הגר (אלא שאינם דומים כ״כ כ„וכל תרומה״ — ראה הערה שלאח״ז ולעיל שוה״ג הב׳ להערה 16). ולכן י״ל: א) שהכוונה ב„וכל קדשי בנ״י״ היא רק למתנות אלו הדומים במקצת עכ״פ לגזל הגר (ראה עד״ז במדב״ר עה״פ (פ״ח, ו): „ריבה קדשים אחרים סתומין . . כשם שאמר המושב על גזל הגר כו׳״). ב) מכיון שהוזקק

ביי תרומה איז דער חיוב הנתינה צום כהן ערשט נאָך דעם[22] ווי די בעלים זיינען דאָס מפריש אַלס „תרומה להו״; און ערשט לאחר זה ווי דאָס ווערט „תרומת ה׳״, קומט דער חיוב פון „ונתתם גו׳ את תרומת ה׳ לאהרן הכהן״[23].

ה. וויבאַלד אַז דער המשך און סמיכות פון „וכל תרומה״ צו גזל הגר (און דאָס וואָס ס׳איז אויסגעטיילט פון „כל קדשי בנ״י״), איז מצד דעם וואָס תרומה איז בדומה צו גזל הגר, מוז מען דאָך זאָגן אַז מיט „וכל תרומה״ ווערט געמיינט ניט נאָר תרומה גדולה, נאָר אויך אַלע אַנדערע מתנות כהונה — תרומת מעשר, חלה און ביכורים[24] — וועלכע הייסן מיטן נאָמען

---

למנות כאן „כל תרומה״ וגם כמה מתנות משאר קדשי בנ״י — מזכיר כבר כל קדשי בנ״י, מכיון שכולם ניתנין לכהן.

22) ואף שגם בקדשים, הרי נוסף ע״ז שאין לכהנים זכות בהם עד שייעשו קדשים, גם לאח״ז „אין להם חלק בה אלא אחר מתנות האישים״ (רש״י ויקרא ב, ג) — י״ל שאינם דומים לתרומה. כי, כמו שב„מתנות״, „משפט הכהנים״ הוא דוקא „מאת זובחי הזבח״ (שופטים יח, ג), וקודם הזביחה יכולים בעליו להקדיש את הבהמה או למכרה לנכרי — אף שעי״ז מונע הוא את ה„מתנות״, ועד״ז בראשית הגז, שחיוב הנתינה לכהנים הוא בעת הגיזה דוקא — עד״ז הוא בקדשים, ש„משפט הכהנים״ בהם הוא דוקא מאת המקריבים קרבנות מסויימים (שבהם זיכתה התורה חלקים מסויימים להכהנים), ומכיון ש„מתנות האשים״ הוא עיקר בהקרבן, חלק הכהנים בה הוא אחר מתנות האישים.

משא״כ תרומה, הרי משפט הכהנים בה מאת העם הוא [לא מצד שהבעלים מפרישים אותה לה׳, כ״א] לפי שהיא „ראשית דגנך גו׳ ״. ועד״ז הוא בתרו״מ, חלה וביכורים [שלכן, כל התרומה שהבעלים הרימו לה׳, ניתנת לכהן — ולא כבקרבנות, שרק חלק מהם ניתן לכהנים], ואעפ״כ, חיוב נתינתה לכהן הוא דוקא לאחרי שנעשית „תרומה לה׳ ״, כבפנים (ודלא כ„מתנות״ וראשית הגז, שמיד שחל עליהם השם „זרוע וכו׳ ״ (שזהו לאחרי הזביחה דוקא) ו„ראשית גז צאנך״, יש עליהם חיוב נתינה לכהן).

23) קרח יח, כח (לענין תרומת מעשר. ולפנ״ז שם: „כן תרימו גם אתם — כמו שישראל מרימים כו׳ ״). וגם בדין תרומה גדולה עצמה (שם, יב) נאמר „אשר יתנו לה׳ — לך נתתים״.

וי״ל שע״פ מ״ש בפנים, יובן גם מה שדוקא בגזל הגר, בתרומה ובביכורים מדגיש הכתוב (גם כשמונה הפרטים בפ״ע) „אשר ישיבו לי״; „אשר יתנו לה׳ ״; „אשר יביאו לה׳״* — נוסף למה שנאמר בתחלת הפרשה ובסופה (בה„כלל״) „תרומותי״ (תרומות שלי); „אשר ירימו בנ״י לה׳ ״. (וראה הערה הקודמת).

24) שהרי אדרבה: הדמיון דביכורים לגזל הגר הוא יותר מהדמיון דתרו״מ וחלה — כי תרו״מ מכיון שיש בה שיעור „מעשר מן המעשר״, הרי גם קודם ההפרשה נקבע כבר שיעור מסויים שסכום זה ינתן (לאחרי ההפרשה) לכהן (וראה לקו״ש ח״ה ע׳ 71־70): וגם בחלה (אף שלא נאמר בה שיעור — רש״י שלח טו, כ), מכיון שנא׳ בה „תתנו לה׳ תרומה״ (שלח שם, כא. וראה פרש״י שם), י״ל (גם בפשוטו ש״מ) שהתרומה (ההפרשה) בחלה* צ״ל כדי נתינה**, ובמילא (אף שהנתינה היא לאחרי שנעשית תרומה) יש איזה שייכות להכהן מיד כשנעשית „ראשית עריסותיכם״, כשחל עלי׳ החיוב „תרימו תרומה״ — מכיון שבחיוב ההרמה יש כבר ענין

---

*) ואף שגם בבכור נאמר (יח, טו) „אשר יקריבו לה׳״ — הרי „יקריבו״ אפשר לפרש ע״ד „יקריבו לכהן״ שהוא לאו דוקא שייעשו שלו (ראה להלן סוף סעיף ט׳). משא״כ הלשון „אשר ישיבו לי״, „אשר יתנו לה׳״ וגם הלשון „אשר „יביאו לה׳״ שנאמר בביכורים (ולא „יביאו לבית ה׳״, כבפ׳ משפטים ופ׳ תשא) — מורה שהם נעשים תחילה של ה׳ (ממון גבוה) ואח״כ „לך יהי׳״.

•) משא״כ בתרומה גדולה, שהכתוב אינו מקשר הפרשתה עם נתינתה לכהן.

**) ובזה מובן מה שרש״י מעתיק שם גם תיבת „תרומה״. (אלא ששיעור זה הוא מצד הנתינה, ולא מצד ההפרשה עצמה. ועפ״ז מיושב קושיית הרא״ם שם). וראה לקו״ש חי״ח ע׳ 182 ואילך ובהערה 25 שם.

„תרומה" [25] — ווייל אויך ביי זיי איז דאָ דער זעלבער דמיון צו גזל הגר אַזוי ווי ביי תרומה [26]:

ביי תרו"מ און חלה איז דער דין, אַז צום אַלעם ערשטן דאַרפן זיי אָפּגעשיידט ווערן דורך די בעלים ווי „תרומה לה'", און דערנאָך שאַפט זיך דער חיוב אַוועקצוגעבן זיי צום כהן [27]. עד"ז איז אויך ביי ביכורים, אַז לכתחילה איז דאָ דער חיוב זיי צו מקדיש זיין [28] און ברענגען אין „בית ה' אלקיך" (מיט כמה פרטי דינים אינעם אופן פון זייער געבראַכט ווערן אין ביהמ"ק, ווי זיי ווערן אויסגערעכנט אין אָנפאַנג פון פ' תבא), און דוקא נאָך זייער הפרשה, הקדשה און הבאה צום אויבערשטן — ערשט דאַן קומט דער חיוב זיי צו געבן צום כהן [29].

ו. ע"פ הנ"ל איז אויך פאַרשטאַנדיק, אַז די צוויי קשיות הנ"ל (סעיף א') — פון וואַנען איז רש"י'ס הכרח אַז „אשר יקריבו לכהן" באַציט זיך (ניט נאָר צו „לכל קדשי בנ"י", נאָר) אויך צו „וכל תרומה", און דער טעם פון דעם וואָס ער שטעלט זיך אויף „וכל תרומה וגו'" (הגם אַז זיין קשיא „וכי תרומה מקריבין לכהן כו'" איז לכאורה ניט שייך צום וואָרט „וכל") — ווערן פאַרענטפערט איינע מיט'דער צווייטער, ווייל פון וואָרט „וכל", איז מוכרח אַז „אשר יקריבו לכהן" באַציט זיך אויך צו „וכל תרומה":

וויבאַלד אַז אין „וכל תרומה" ווערט נכלל אויך ביכורים (כנ"ל ס"ה), און ביי ביכורים שטייט דאָך בפירוש „תביא בית ה' אלקיך", ד. ה. אַז דער כהן דאַרף ניט מחזר זיין נאָך זיי — אויב אַזוי איז דאָך קלאָר, אַז „אשר יקריבו לכהן" קומט בהמשך און האָט אַ שייכות אויך צו „וכל תרומה".

ז. אָבער נאָכדעם ווי רש"י ענטפערט (אויף די קשיא „וכי תרומה מקריבין לכהן כו'", אַז) „אלו הביכורים", אַז מיט „וכל תרומה" ווערט געמיינט בלויז ביכורים (און ניט תרומה גדולה, תרומת מעשר און חלה [30]) — קומט אויף די קשיא: מיט וואָס האָט ביכורים מער שייכות צו גזל הגר ווי תרומה גדולה?

דערפאַר איז רש"י ממשיך „ואיני

הנתינה. משא"כ בביכורים, שבחיוב הבאתם לא נזכר ענין הנתינה כלל.

25) ראה לעיל הערה 13. אבל י"ל, שהלשון „תרומת ידך" שנאמר גבי ביכורים, הוא רק בכדי להבדילה משאר התרומות. (וראה רמב"ם הל' תרומות פ"י ה"ד).

26) אלא שמ"מ, עיקר הכתוב קאי על תרומה גדולה כפשוטה, כמובן מלשון רש"י „לבית הגרנות". וראה הערה 24, שהדמיון דביכורים לגזל הגר הוא יותר מהדמיון דתרו"מ וחלה, והרי תרו"ג דומה יותר לגזל הגר גם מביכורים, כדלקמן סעיף ז'.

27) שלח טו, יט־כא. קרח יח, כח.

28) רש"י משפטים כג, יט.

29) כפשטות לשון הכתוב — קרח שם, יג. וראה לעיל הערה 23 ובשוה"ג שם.

30) ופי' „וכל תרומה" הוא — כל הבכורים שמרימים (וע"ד „כל חלב יצהר וכל חלב תירוש ודגן" (קרח שם, יב) שנאמר גבי תרומה גדולה).

גם י"ל, שלפי מסקנת רש"י „אלו הביכורים", בא „לכל קדשי בנ"י" בהמשך ל„וכל תרומה". ופי' „וכל תרומה לכל קדשי בנ"י" הוא „כל התרומה (ביכורים) שמקדישים בנ"י" (ע"ד פי' הרמב"ן כאן). כי אף שדין הביכורים הוא „תאנה שביכרה", אין בזה שיעור.

(אלא שב' פירושים אלו אפשר לומר דוקא לפי מסקנת רש"י. משא"כ לפי הקס"ד, שכתוב זה איננו מלמדנו חידוש ורק שבא איידי דגזל הגר, מסתבר לומר ש„וכל תרומה" כולל גם תרו"מ, חלה וביכורים — מכיון שגם הם דומים לגזל הגר (אף שתרומה גדולה דומה יותר, כנ"ל הערה 26)).

יודע מה יעשה בהם . . בא הכתוב ולימד כו׳״: אַז דאָס וואָס דער פסוק טיילט דאָ אויס ביכורים פון אַלע אַנדערע מתנות כהונה, אויך פון תרומה גדולה כו׳, איז ניט מצד דעם וואָס אין ביכורים איז דאָ מער ענליכקייט צו גזל הגר ווי תרומה גדולה

[ווייל אדרבה: וויבאַלד אַז ביי ביכורים איז דאָ דער דין פון „תאנה שביכרה כו׳״[31], אַז נאָך איידער די בעלים זיינען מפריש ביכורים איז שוין פאַראַן אַ באַשטימטע פרי, די ערשטע צייטיק-געוואָרענע, וואָס דאַרף ווערן ביכורים, דערמיט גופא האָט דאָך שוין די פרי אַ שייכות צום כהן[32]; דאַקעגן ביי תרומה זיינען דאָך פאַר דער הפרשה ניטאָ קיין באַשטימטע חטים וכו׳ וועלכע דאַרפן אָפּגעשיידט ווערן אַלס תרומה, און דער זכות פון כהן הויבט זיך אָן אַינגאַנצן ערשט נאָך דער הפרשה; ובמילא איז גאָר תרומה גדולה מער ענליך צו גזל הגר ווי ביכורים]

נאָר ער טיילט אויס ביכורים בפ״ע מחמת דעם טעם וואָס „ואיני יודע מה יעשה בהם״. און דערפאַר איז „בא הכתוב ולימד על הביכורים שיהיו ניתנין לכהן״.

אמת טאַקע, אַז דער דין אַז ביכורים גיט מען צום כהן, ווערט געזאָגט אין פרשת קרח[33] — „בכורי כל אשר בארצם אשר יביאו לה׳ לך יהי׳״ — דאָס (א) איז דאָך שפּעטער נאָך פרשתנו, (ב) דאָרט ווערט עס דערמאָנט דרך אגב, צוזאַמען מיט די אַלע אַנדערע מתנות כהונה[34], אָבער דער ערשטער מאָל און דער מקור פון דעם דין, אַז ביכורים ניתנין לכהן, איז דאָ אין אונזער פסוק „וכל תרומה גו׳״; צוליב דעם דין איז „בא הכתוב״. און דאָס וואָס דער פסוק שטייט בסמיכות ובהמשך צו גזל הגר, איז דאָס צוליבן טעם הנ״ל, וואָס ביכורים איז איינע פון די מתנות כהונה וואָס האָבן אַן ענליכקייט צו גזל הגר.

ח. לויט דעם הסבר וועט אויך פאַרשטאַנדיק ווערן, וואָס רש״י מוז נאָכאַמאָל אויסטייטשן „בא הכתוב ולימד על הביכורים שיהיו ניתנין לכהן״ — הגם אַז מ׳קען דאָס וויסן פון דעם וואָס ער זאָגט פריער „אלו הביכורים״ — ווייל דערמיט מיינט רש״י צו מדגיש זיין, אַז דווקא ביי ביכורים פאָדערט זיך דער „לימד״ פון פסוק:

בנוגע דעם דמיון צו גזל הגר איז ביכורים ניט אַנדערש פון תרומה גדולה, ואדרבה: תרומה גדולה איז מער בדומה צו גזל הגר ווי ביכורים (כנ״ל). אָבער היות אַז דער פסוק קומט דאָ צו לערנען אונז דינים — „בא הכתוב ולימד״ — איז דעריבער איז דאָס בלויז „על הביכורים״[35].

ט. אָבער לויטן פי׳ „אלו הביכורים״ שטעלט זיך אָן אַנדער קשיא — אין לשון הפסוק „אשר יקריבו לכהן לו יהי׳״: צוליב וואָס ווערט צוגעגעבן „לו יהי׳״ נאָכדעם ווי ס׳שטייט שוין פריער „(אשר יקריבו) לכהן״ — וויבאַלד אַז די תרומה און „כל קדשי בנ״י״ איז מען מקריב און מ׳גיט

---

31) רש״י משפטים כג, יט. תבא כו, ב.
32) ראה לקו״ש ח״ה ע׳ 71-70.
33) יח, יג.
34) וכמו ש„גזל הגר״ עצמו נמנה בפ׳ קרח (שם, ט — ראה פרש״י שם) — אף שעיקרו של דין זה הוא בפרשתנו.
35) משא״כ הדין שתרומה גדולה ניתנת לכהן, מקומה הוא בפ׳ שופטים (יח, ד).

צום כהן, איז דאָך ממילא פאַרשטאַנדיק אַז „לו יהי׳׳?

לויטן קס״ד פון רש״י, אַז מיט „וכל תרומה״ ווערט געמיינט בעיקר תרומה גדולה [36] און אויך אַנדערע מתנות כהונה (כנ״ל סעיף ה׳), וואָלט מען געקענט לערנען אַז מיטן וואָרט „לו״ איז דער פסוק אויסן ניט דעם כהן נאָר די בעלים; און דער פשט „לו יהי׳׳ איז: די טובת הנאה פון דער תרומה (די ברירה פון „יקריבו לכהן״ פלוני אָדער אַ צווייטן) איז לבעלים [37]. ווי די הלכה איז ביי תרומה גדולה (און אויך ביי תרו״מ און חלה), אַז די בעלים קענען עס געבן וועלכן כהן זיי ווילן [38].

(און דאָס וואָלט אויך געוועזן גלאַטיק אין המשך הכתובים: אין פרייערדיקן פסוק שטייט אַז גזל הגר דאַרף מען געבן לכהן שבאותו משמר [39]; דעריבער איז דער פסוק מדגיש, אַז ביי „וכל תרומה״, טראָץ איר דמיון צו גזל הגר (כנ״ל בארוכה), איז „לו יהי׳׳, דער בעל התרומה האָט דעם אויסוואַל צו געבן זי צו וועלכן כהן ער וויל).

משא״כ לויט דער מסקנא „אלו הביכורים״, קען מען ניט לערנען אַז מיט „לו יהי׳׳ ווערט געמיינט „שטובת הנאתן לבעלים״ — וואָרום ביי ביכורים שטייט דאָך „תביא בית ה׳ אלקיך״ און דערפון איז מובן [40] אַז ער דאַרף זיי געבן צו דעם כהן וואָס געפינט זיך דאַן אין בית המקדש.

דערפאַר באַוואָרנט רש״י: „ת״ל לכהן לו יהי׳׳, אַז „לכהן״ און „לו יהי׳׳ קומען אין איין און דעם זעלבן המשך (ניט ווי אין דעם קס״ד, וואו דער לשון פון רש״י איז „אשר יקריבו לכהן״ און ניט מער, כהסבר הנ״ל), ד. ה. אַז „לו״ מיינט (ניט צו די בעלים, נאָר) צום כהן.

בלייבט דאָך אָבער לויט דעם פי׳ אין „לו יהי׳׳ די שאלה, וואָס איז דער פסוק מחדש מיט די ווערטער „לו יהי׳׳ לאחרי ווי ער זאָגט שוין „אשר יקריבו לכהן״? — אויף דעם איז רש״י ממשיך „בא הכתוב ולימד כו׳ שיהיו ניתנין לכהן״:

ווען עס וואָלט בלויז געשטאַנען „אשר יקריבו לכהן״, וואָלט מען געקענט לערנען (וויבאַלד ביכורים זיינען פאַרבונדן מיט באַזונדערע פרטי דינים פון הבאה לבית המקדש וכו׳) אַז ער דאַרף בלויז ברענגען די ביכורים צום כהן אָבער ניט אָוועקגעבן זיי צו אים (ע״ד ווי „ולקח הכהן הטנא מידך״ אין פ׳ תבא [41], וואָס איז בלויז (ווי רש״י זאָגט) „להניף אותו״). דערפאַר זאָגט דער פסוק „לו יהי׳׳, „שיהיו ניתנין לכהן״, אַז די ביכורים באַלאַנגען צו אים.

יו״ד. לכאורה וואָלט מען געקענט פרעגן:

רש״י׳ס לשון „ואיני יודע מה יעשה בהם״ (און ניט „ואיני יודע למי יתנם״ וכיו״ב) ווייזט, אַז מען ווייס כלל ניט וואָס צו טאָן מיט די ביכורים — טראָץ דעם וואָס אין פ׳ תבא זיינען מבואר אַלע פרטי דינים פון ביכורים (חוץ פונעם דין הנתינה לכ־

---

36) ראה לעיל הערה 26.

37) וכדפרש״י בכתוב שלאח״ז (ה, י) „ואיש את קדשיו לו יהיו״.

ואין להקשות לפי הקס״ד, למה נאמר „לו יהי״ ב׳ פעמים — כי (לפי הקס״ד אפשר לומר ש)הכתוב „ואיש את קדשיו לו יהיו״ קאי רק על מתנות לוי׳.

38) רמב״ם ופי״ב מהל׳ תרומות הט״ו.

39) רש״י כאן ה, ח.

40) בדרך הפשט. וראה ביכורים ספ״ג. רמב״ם הל׳ ביכורים רפ״ג.

41) כו, ד.

הן). פון דעם איז מוכרח, אַז די ווערטער „ואיני יודע כו׳״ באַציִען זיך צו דעם וואָס ער זאָגט פריער „שנאמר תביא בית ה״א״, ד. ה. אַז פון דעם פסוק „תביא גו׳״ וואָס שטייט אין די פריערדיקע סדרות, איז „איני יודע מה יעשה בהם״.

איז דאָך שווער: מיט די ווערטער „ואיני יודע כו׳ בא הכתוב ולימד כו׳״ וויל דאָך רש״י (כנ״ל ס״ז) מסביר זיין, אַז דער טעם וואָס ביכורים איז אויסגעטיילט אין אונזער פסוק פון אַלע אַנדערע מתנות כהונה (כאָטש אַז צו גזל הגר איז תרומה גדולה מער ענליך ווי ביכורים), איז עס ווייל אלולי אונזער פסוק „איני יודע״ — מען וויס ניט דעם דין פון קיינע אַנדערע ערטער, אויך ניט פון די ווייטערדיקע סדרות (ניט ווי תרומה, ביי וועלכן עס שטייט אין פ׳ שופטים [42] „ראשית דגנך גו׳ תתן לו״ — צום כהן)

— האָט דאָך רש״י געדאַרפט זאָגן „ואיני יודע שיהיו ניתנין לכהן״, אין וואָס עס באַשטייט דער חידוש („לימד״) פון אונזער פסוק לגבי אַלע אַנדערע פסוקים. פאַרוואָס זאָגט רש״י „ואיני יודע מה יעשה בהם״, דורך וועלכן לשון ער מאַכט קלאָר, אַז ער באַציט זיך בלויז צום פסוק „תביא בית ה׳ אלקיך״?

איז דער ביאור אין דעם: פון דעם לשון הכתוב „לכהן לו יהי׳״ (און ניט „יתנו לכהן״ וכיו״ב, בדוגמת ווי עס שטייט [42] ביי תרומה גדולה „תתן לו״, ועד״ז ביי נאָך מתנות כהונה), איז מוכח אַז דער פסוק זאָגט דאָ צוויי דינים: (א) „(אשר יקריבו) לכהן״, און (ב) „לו יהי׳״. וואָס פאַר אַ צוויי דינים זיינען עס? — זאָגט אויף דעם רש״י „ואיני יודע מה יעשה בהם״, דאָס מיינט, אַז פונעם פסוק „תביא בית ה״א״ וואָס שטייט פריער אין דער תורה, וויס מען ניט „מה יעשה בהם״. און אויף דעם קומט דער בירור, בהדרגה, אין אונזער פסוק: „(אשר יקריבו) לכהן״, אַז נאָך דעם „תביא בית ה״א״ יעשה בהם „יקריבו לכהן״ [43]; און דערנאָך זאָגט דער פסוק אַ צווייטן דין „לו יהי׳״, אַז נאָך דעם ברענגען צום כהן — יעשה בהם „לו יהי׳״ אָפּגעבן דאָס עם.

יא. ס׳איז אָבער ניט מובן: פאַרוואָס שטייט דער דין אַז די ביכורים דאַרף מען ברענגען צום כהן ערשט אין אונזער פסוק — ניט פריער אין פסוק „תביא בית ה״א״?

אויף דעם זאָגט רש״י „אמר ר׳ ישמעאל כו׳״, אַז דעם פי׳ „ואיני יודע מה יעשה בהם כו׳ בא הכתוב ולימד כו׳״ האָט געזאָגט ר׳ ישמעאל, וואָס ער, ר׳ ישמעאל, האַלט [44] אַז „כללות נאמרו בסיני ופרטות באהל מועד״, דערפאַר לערנט ער, אַז אין פ׳ משׁ־

---

42) יח, ד.

43) וי״ל ד„יקריבו״ (משא״כ נתינתם לכהן) הוא פרט ב„תביא בית ה״א״. ועפ״ז י״ל שבדרך הפשט, אפילו לאחר שהביאם לעזרה — טרם „ולקח הכהן הטנא מידך״, לא קיים מצות הבאת ביכורים. וראה ביכורים פ״א מ״ח. רדב״ז לרמב״ם שם פ״ב ה״כ.

ואולי י״ל, שב׳ הענינים שבביכורים — הבאתם לכהן ונתינתם לכהן — הם דוגמת ב׳ הענינים ד„איל הכפורים״ ו„אשם המושב״: „איל הכפורים אשר יכפר בו״ הבעלים (שגם זה הוא ע״י הכהן, כמ״ש (ויקרא ה, כו) „וכפר עליו הכהן גו׳״) — דוגמת הבאת הביכורים לכהן, שהוא פרט בהבאת הביכורים של הבעלים; „אשם המושב גו׳ לכהן״ — דוגמת הנתינה לכהן. או י״ל, שבאשם המושב עצמו — ב׳ ענינים אלו, שהרי ע״ז הוא כפרתו (ראה לעיל הערה 18).

44) סוטה לז, ב.

פטים און פ׳ תשא וואָס זיינען געזאָגט געוואָרן „בסיני״, שטייט בלויז דער כלל — „תביא גו׳״. און ערשט אין פ׳ נשא וואָס איז געזאָגט געוואָרן „באהל מועד״ שטייען די פּרטים [45] — „אשר יקריבו לכהן לו יהי׳״.

יב. כידוע אַנטהאַלטן פירושי רש״י אויך „יינה של תורה״, ענינים פּני־מיים שבתורה — און דער „יינה של תורה״ אין אונזער פרש״י, וועט ווערן פאַרשטאַנדיק דורך מבאר זיין איינע פון די הוראות כלליות [46], וועלכע מ׳לערנט אַרויס פון מצות ביכורים.

צמיחת פירות ובפרט פירות משו־בחים ביותר ווי בכורים איז פאַרבונדן מיט גרויס מי און האַרעוואַניע פונעם מענטשן: חרישה, זריעה, וכו׳ וכו׳. איז בשעת אַז אַ איד האָט זיך שוין דערוואַרט צו זען די פּרוכטן, וועלכע זיינען אויסגעוואַקסן נאָך אַזוי פיל אַר־בעט און יגיעה, זאָגט אים תורה אַז (אַז ניט בלויז דאַרף ער אַ טייל פון זיי געבן צום כהן, נאָר נאָך מער): „ראשית בכורי אדמתך״ — די ערש־טע רייף־געוואָרענע, נאָך איידער ער האָט נאָך עפּעס צו נעמען פאַר זיך, דאַרף ער ברענגען אין ביהמ״ק און געבן צום כהן.

און וויבאַלד אַז אַלע הוראות פון תורה זיינען נצחיות׳דיקע, בכל זמן ובכל מקום, איז פאַרשטאַנדיק, אַז די זעלבע הנהגה פאָדערט זיך פון אַ אידן אויך אין זמן הגלות און אין חו״ל, פון אַלע פאַרדינסטן: אַז בשעת עס מאַכט זיך אים אַן ענין של צדקה, זאָל ער זיך ניט רעכענען מיט דעם וואָס די פּרנסה קומט אים אָן אַזוי שווער, און דאָס ערשטע און בעסטע פון זיינע שווער אָנגעקומענע פאַר־דינסטן „תביא בית ה״א״, אָפּגעבן דעם אויבערשטן, אויף צדקה.

קומט אָבער דער יצה״ר און הויבט אָן אַ איינצורעדן און איינ׳טענה׳ן מיטן אידן: ווען עס וואָלט זיך געהאַנדלט וועגן צדקה אויף אַ דבר שבקדושה (ווי אַ ישיבה, אַ ביהמ״ד וכו׳) טובת הרבים (און ער, דער נותן — אויך בכללם) — דאָס איז נאָך צו באַנעמען. אָבער עס רעדט זיך גאָר וועגן „בי־כורים״ וואָס מ׳גיט צו אַ יחיד (אַ כהן) און זיי ווערן יענעמס אייגנטום [47]. היינט וויבאַלד (טענה׳ט דער יצה״ר) אַז דו ביסט אַליין אויך אַ נצרך — און אויף אַלע אידן שטייט דאָך „ואַ־תם תהיו לי ממלכת כהנים״ [48] — איז ווער זאָגט עס, אַז די „ראשית״ פון דיינע אויסגעהאָרעוועטע פאַר־דינסטן מוזטו אָפּגעבן צו אַ צווייטן? מיט וואָס איז ער בילכער פאַר דיר? לכל היותר: טייל פאַנאַנדער דיי־נע „ביכורים״ (די בעסטע פון דאָס וואָס דו פאַרמאָגסט) אויף כמה חל־קים, גיב זיי צו כמה נצרכים און בכללם — אויך צו זיך אַליין! ובפרט

45) לכאורה אפשר להקשות: בתחלת פ׳ בהר כותב רש״י (ע״פ דרך הפשט) „אף כולן נאמרו כללותיהן ודקדוקיהן מסיני״, ואיך מפרש כאן (וג״כ ע״פ דרך הפשט) אליבא דר״י? אבל — אינו. כי בפ׳ בהר שם מדייק רש״י „אף כללותיהן ודקדוקיהן מסיני״ (ולא „כללותיהן ופרטיהן ודקדוקיהן״, כמ״ש לפנ״ז בנוגע לשמיטה), ומה שנוגע לכאן הוא „פרטים״ ולא „דקדוקים״. (ההפרש בין „פרט״ ל„דקדוק״ — נתבאר בההתועדות). וראה לקו״ש חי״ז ע׳ 276 ואילך (ובהערה 2 שם).

46) ראה גם לקו״ש ח״ב ע׳ 391.

47) בכורים ספ״ג. רמב״ם הל׳ בכורים פ״ד הי״ד.

48) יתרו יט, ו. וכפי׳ המכילתא עה״פ. אוה״ת עה״פ (ע׳ תתז).

אַז דו האָסט דאָך געהאָרעוועט אויף זיי. אמת טאַקע „וברכך ה׳ אלקיך״, אָבער תורה זאָגט דאָך אַז דאָס איז געווען „בכל אשר תעשה״ [49].

אויף דעם קומט די הוראה, אַז בכדי צו וויסן וואָס ער דאַרף טאָן מיט זיינע „ביכורים״, איז צום אַלעם ערשטן (בעת ס׳איז נאָך „איני יודע מה יעשה בהם״, ער ווייס נאָך ניט וואָס צו טאָן מיט זיי, אָדער, על כל פנים, אין וואָס פאַר אַן אופן צו געבן זיי אויף צדקה: צי אָפּגעבן זיי לגמרי אַ צווייטן אידן, אָדער נעמען אַ טייל אויך פאַר זיך וכו׳), זאָל ער זיי ברענגען „בית ה׳ אלקיך״, און דוקא דאָן און דאָרט וועט ער וויסן דעם אמת אַז — „ניתנין לכהן״ [50].

דאָס וואָס דער יצה״ר רעדט אים איין, אַז זייענדיק אַ נצרך קען ער זיך נעמען אַ טייל פון די ביכורים, איז עס דאָך נאָר דערפאַר וואָס ער איז ניט געקומען צו דער החלטה אַז די ביכורים זיינען צדקה־געלט; ער האָט זיך נאָך אַלץ ניט באַפרייט פון דעם געפיל (טראָץ זיין באַשלוס אָפּצוגעבן דאָס געלט אויף צדקה) אַז ס׳איז זיין אייגנטום, אַ זאַך וואָס ער האָט אויסגעהאָרעוועט. דעריבער איז אים שווער צו פועל זיין ביי זיך אָפּצוגעבן עס אַ צווייטן (נאָר היות אַז ווען דער יצה״ר וואָלט צו אים געקומען מיט אָפענע רייד: גיב ניט אַזויפיל געלט אויף צדקה, וואָלט ער דאָך אים ניט געפאָלגט — הויבט ער אָן, באַ־האַלטענערהייט מיט אַ „געראַכטע״ טענה: אַזוי ווי אויך ער אַליין איז אַ נצרך — איז במילא דער טייל־וויזער איבערלאָזן פאַר זיך, כלומר׳שט אַן ענין של צדקה. ואדרבא במכל שכן פונעם דין „עניי עירך קודמין״ [51], איז דאָך ער אַליין וב״ב קודם לכל אדם [52]).

בשעת אָבער ער וועט מקיים זיין דעם „תביא בית ה״א״ — קומען מיט די „ביכורים״ אין אויבערשטנס רשות — דאָן וועט ביי אים זיך אָפּלייגן בפשי־טות אַז „לכהן לו יהי׳״. עס וועט אים גאָרניט איינפאַלן, אַז אויך אים זאָל קומען אַ חלק דערפון — אַזוי ווי אים ג״ט ניט אַרויף אויפן געדאַנק צו נע־מען אַ חלק פון אַנדערע צדקה־געלט.

און בעת ער פירט זיך מיט אַזאַ הנהגה, וועט ביי אים מקויים דאָס וואָס רש״י זאָגט אין קומענדיקן פסוק: „איש אשר יתן לכהן — מתנות הראו־יות לו, לו יהי׳ — ממון הרבה״, אַז דער אויבערשטער וועט אים געבן מידו המליאה הפתוחה הקדושה והרח־בה בכל המצטרך לו, בבני, חיי ומזוני ובכולם — רוויחי.

(משיחות ש״פ נשא ובהעלותך תשכ״ט)

---

49) ראה טו, יח.
50) להעיר מסה״ש תש״ג ע׳ 67 ואילך.
51) בבא מציעא עא, א.
52) ראה אגה״ק ס״ט: רק שאשתו כו׳. ולהעיר מתניא (פכ״ט): גומל חסד כו׳.

# נשא ב

א. אין דער פרשה פון קרבנות ה־נשיאים, ביים צווייטן נשיא 1), ברענגט רש״י וואָס ער האָט געפונען „מיסודו של ר׳ משה הדרשן״ אַ טעם אויף די פּרטים אין די קרבנות הנשיאים, אַז זיי זיינען מרמז אויף פאַרשידענע ענינים: „קערת כסף״ איז אַ רמז אויף אדה״ר, „מזרק אחד כסף״ אויף נח׳ן, וכו׳.

פאַרוואָס ברענגט דאָ רש״י אַן ענין פון „דרוש״ און פאַרוואָס שרייבט ער דאָס דוקא ביים צווייטן נשיא — זאָגט דער מהר״ל, אַז דאָס קומט ב־המשך צו דעם וואָס רש״י זאָגט פרי־ער וועגן די בני יששכר „שהם נתנו עצה לנשיאים להתנדב קרבנות הללו״, וואָס דערויף ווערט דאָך די שאלה: וואָס איז אַזוי דער גודל העילוי אין „קרבנות הללו״ אַז מען האָט דערצו געדאַרפט אָנקומען צו דער עצה פון בני יששכר — אויף דעם ברענגט רש״י מיסודו של ר״מ הדרשן, אַז אין יעדן פּרט פון די קרבנות איז דאָ אַ „רמז גדול״.

מען דאַרף אָבער פאַרשטיין: אין מדרש 2) זיינען פאַראַן צוועלף פאַרשי־דענע פירושים (ביי יעדער נשיא באַ־זונדער) אין די רמזים פון קרבנות הנשיאים, האָט דאָך רש״י געקענט ברענגען די רמזים פון מדרש. פאַר־וואָס שרייבט ער דוקא וואָס ער האָט געפונען „מיסודו של ר׳ משה ה־דרשן״?

מען קען ניט ענטפערן, אַז היות ווי די צוועלף פירושים פון מדרש איז יעדערער פון זיי פאַרבונדן מיט אַ שבט מיוחד, וויל זיי דעריבער רש״י ניט ברענגען, ווייל — אין פשטות — איז די עצה פון די בני יששכר גע־ווען די זעלבע פאַר אַלע נשיאים

— וואָרום כמה וכמה פון די פירו־שים (אַזוי ווי „על שם התורה״ 3), „על סדר מעשה המשכן״ 4), „כנגד יצי״מ״ 5), „ע״ש הבחירה שבחר הקב״ה בישראל כו׳ ״ 6), „כנגד האבות ואמהות״ 7)) — כאָטש אַז אויך יעדן פון זיי פאַר־בינדט דער מדרש מיט אַ שבט פרטי — זיינען לכאורה שייך צו אַלע שב־טים. האָט דאָך רש״י געקענט אויס־קלייבן איינעם פון די פירושים שב־מדרש, ובפרט די דרשה „על סדר מעשה המשכן״, וואָס זי איז יותר קרוב צום דרך הפשט דערמיט וואָס אין פשטות לייגט זיך צו זאָגן אַז אין די קרבנות פון חנוכת המשכן — זיי־נען מרומז די עניני המשכן.

די קשיא איז נאָך גרעסער: לאחרי ווי דער מדרש זאָגט „וכאו״א הקריב לפי דעתו״ 8) און רעכנט אויס די צוועלף פאַרשידענע כוונות כנגד יע־דערן פון די נשיאים, ברענגט ער שפּעטער 9) נאָך אַ דיעה: „כנגד הדו־רות שהיו מאדה״ר עד המשכן וכנגד המצות שנצטוו הקריבו הנשיאים״, ד. ה. אַז לויט דער דיעה — האָבן

1) פרשתנו ז, יט. — בביאור פירושי רש״י אלה, ראה גם לקו״ש חי״ח ע׳ 83 ואילך.

2) רבה פרשתנו פי״ג (, יד ואילך) וי״ד.

3) שם פי״ג, טו־ז (בקרבנות יששכר).

4) שם פי״ג, יט (בקרבנות שמעון).

5) שם, כ (בקרבנות גד).

6) פי״ד, יו״ד (בקרבנות אשר).

7) שם, יא (בקרבנות נפתלי).

8) פי״ג, יד.

9) פי״ד, יב.